הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תשס"ט

עלעגיע

אויף דעם טויט פון
הרב הגאון
ר' יצחק אלחנן ז"ל

# ר' יודישע טרערן.

פון
אברהם רייזען.

ווילנא.
שנת תרנ"ו לפ"ק

# די יודישע טרער.

## עלעגיע

אויף דעם טויט פון הרב הגאון

## ר׳ יצחק אלחנן ז״ל

טעקסט מיט געזאנג

פון אברהם רייזען. בהוצאות י. ה. פון קאוונא.

זמרו כבוד־שמו שימו כבוד תהלתו:
(תהלים ס״ו ב׳)


## ווילנא

בדפוס ר׳ אברהם צבי ראזענקראנץ, ור׳ מנחם מענדיל שריפטזעטצער:

שנת תרנ״ו לפ״ק

ДИ IУДИШЕ ТРЕРЪ. Еврейскія слезы.
Элегія на смерть Раввина И. Э. Спектора.
ВИЛЬНА. Типографія Розенкранца и Шрифтзецера
на Лидскомъ переулкѣ, домъ № 2593/13 1896.



ספריית אגודת חסידי חב״ד
אהל יוסף יצחק
ליובאוויטש

# דִי יוּדִישֶׁע טְרֶער.

## עֶלֶעגִיֶע

אויף דֶעם טויט פון הָרַב הַגָאוֹן

ר׳ יִצְחָק אֶלְחָנָן ז״ל

---

### א.

מִיט וָואלְקֶען אִיז פִינְסְטֶער דֶער הִימֶעל פֶערְדֶעקְט,
עֶס ווִילֶען נִיט לַייכְטֶען דִי שְׁטֶערְן פַאר צַער:
עֶס הָאט זִיךְ אַ הֵיילִיגֶעס לֶעבֶען גֶעעֶנְדִיגְט,
עֶס קֶען דִי נַאטוּר זִיךְ נִיט שְׁטִילֶען דֶער פַאר.

---

### ב.

דער ניעמאן *) פליעסט טרויריג מיט שרעקליך געראויש,
עס זידען די כוואליעס וואס ווייטער אלץ מעהר,
אונ קוקענדיג דאמאלס אויף זיי ווייזט זיך אוים:
דאס רינענט אזוי האסטיג די יודישע טרער...

---

### ג.

עס ברויזט אונ עס יאמערט א שרעקליכער ווינד,
דאך, דאכט זיך עס איז ניט קיין ווינד גאר, אך ניין!

*) א טייך אין קאוונא.

דָאס אִיז נָאכְ'ען טְהַייעֶרֶען פָאטֶער-פוּן קִינְד
אַשְׁטִירְמִישֶׁער, בִּיטֶערֶער, יָאמֶער גֶעוֵויין!...

---

## ד.

און פִינְסְטֶער און פִינְסְטֶערֶער וֶוערְט אויפֶען נַאס,
ס'אִיז לַאנְג נִיט גֶעוֶוען אַזַא פִינְסְטֶערְע נַאכְט,
און קְלֶאגְלִיכֶער יָאמֶערְט דֶער שְׁטוּרְם מִיט כַּעַס:
דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דִי אויגֶען פֶערְמַאכְט!..

---

## ה.

ר' יִצְחָק אֶלְחָנָן! דֶער הֵיילִיגֶער מַאן,
דֶער יוּדִישֶׁער פִיהְרֶער, דֶער יוּדִישֶׁער קָאפּ.

האט גיענדיגט זיין היילינגען לעבען אונ. דאן
איז דער יודישער שטערען געפאלען אראפ,

---

ו.

דער יודישער שטערען האט ליכטיג געשיינט,
בעלייכטעט די וועג אונז פון נאהענט אונ וייט,
דער שטערען, אוי וועה! איז פערלאשען אונז היינט:
ווי לעבט מען אהן שטערן אין פינסטערער צייט?...

---

ז.

נאך משה רבינו געבליבען איז דאך
צו פירען די אידען יהושע בן נון;

ר׳ יִצְחָק אֶלְחָנָן ! נָאךְ דִיר וֶוער אִיז נָאךְ
גֶעבְּלִיבֶּען פַאר אוּנְז פַאר אִידֶען צוּ טְהוּן ?...

---

## ח.

אַךְ, וואו וֶועט יֶעצְט נֶעהְמֶען דִי הֶערְדֶע אַהִירְט,
וָואס זָאל אַזוֹי פִירֶען זִי רוּהִיג אוּנ זַאכְט ?
פוּן וֶועמֶען יֶעטְצְט וֶועלֶען מִיר וֶוערֶען גֶעפִירְט,
בַּיי שְׁוַואכֶען פֶערְשְׁטַאנְד אִין פִינְסְטֶערֶער נַאכְט ?..

---

## ט.

גֶעשְׁטָארְבֶּען דֶער משֶׁה פוּן הַיינְטִיגֶע צַייט,
נִיט אִיבֶּער גֶעלָאזֶען יְהוֹשֻׁעַן קֵיין קְנֶעכְט,

און אידען פון נאהענט און אידען פון ווייט
יאמערען ביטער און קלאגען: ס'איז שלעכט!...

---

## י.

„מיר זיינען צו נארקען, מיר זיצען צו שפּרייט,
„וואו נאר עס געפינט זיך אויף דער וועלט א לאגער,
„נאר דאך האט דיין לעהרע געשלאסען א קייט:
„געלעבט האבען נאהנטע און ווייטע פאנאנדער...

---

## יא.

ווער וועט זיך אמצט מיהען: פון תלמוד דער ים
זאל טרוקען ביז ווערען, געהן זאל ער זיין גאנג,

ווער וועט זיך יעטצט מיהען פון תורה דער פלאם,
זאל ברענען אונ לייכטען ביי אידען אויף לאנג?...

---

## יב.

וואו וועט זיך יעטצט קעהרען די יודישע פרוי
וואס לעבט אין עגונה אונ וועלקט אין איהר מאי,
ווער וועט יעצט דער העלען איר זיפץ אונ איר „אוי"
ווער וועט אויף „זיך שטעלען" צו מאכען איר פריי"?...

---

## יג.

אונד וואו וועט געפינען זיך יעטצט אזא מענטש
וואס זאל זיך זא מיהען אהן שכר אונ אהן לאהן
צו פאהרען צו אונזערע אינטעלעגענץ *)
פאר אידען לטובת הכלל נאר צו טאהן.

---

## יד.

אונ וועה איז דעם בנין וואס פאלט אין איהם איין
אונ ס'ברעכט זיין פונדאמענט אויף וועלכען ער שטעהט;

---

*) וויא עס איז בעוואוסט זיינע נסיעות אין פעטערבורג.

און וועה איז דעם פאָלק וואס איהר איינציגער מאַן,
איידער איינציגער פיהרער און שיטצער איז טויט!...

---

## טו.

דאָך האָבען מיר אידען איין איינציגע טראָסט,
דעם גלויבען אַז „יעקב אבינו לא מת“,
דאָס האַלט אונז אין גלות וויא יעדערער ווייסט,
דאָס איז דער סוד פון דעם אידעשען נס...

---

## טז.

אין פינסטערן קבר וואו נאַס און וואו שטום,
דאָרט רוהט יעצט זיין קערפּער-פון וועלט שמערצן מיעד,

זיין גייסט אבער לעבט און עס שוועבט ארומעדום,
דארט וואו נאר עס לעבט און ס'געפינט זיך דער איד!

יז.

און ניט נאר זיין בילד הענגט ביי'ן איד אויפ'ן וואנד,
עס ליעגט אויך אין הארצען געפאסט איהם גאנץ טיעף,
און שענער ווייס דאך דעם פרייז פון דיאמאנט,
און יעדער האט פון דעם בילד אבגעריסט...

יח.

ווי א ארים דער איד זאל ניט זיין און געמיין,
האלט ער א מצבה דער שטעלען פון נאלה...

נאָר האָסט דאָך פֿיין געגעבן געהאַלטען זיך קליין,
און האָסט נאָך דיין מוט אויך קיין כבוד ניט האָלד,

# יט.

נאָר האָסט דיר שוין לאַנג אַ מצבה געשטעלט,
דערויף שריפט איז גלאַנצענד פֿון שבחים אָהן צאָהל,
און כל זמן ס'וועט לעבען דער יוד אויף דער וועלט,
וועט ניט ווערען דיין נאָהמען פֿערגעסען קיינמאָל!...

# מודעה!

א) הס' **גן שעשועים** להחכם **ראזענפעלד** אשר קנה לו שם במלוא רחבי ארצנו, יצא עתה לאור **בהוצאה ששית** מתוקן ומנוקה מכל השגיאות שנפלו בהוצאות הקודמית, ונדפס על ניר עב ולבן, מקחו 1 רו"כ נעטטא עם המשלוח.

ב) **מלחמה פאר'ן לעבען** ראמאן מחיי דלת העם בצבעים בהירים כמו חיים, נערך בשפה שזארגאן בשני חלקים, מקחו 45 קאפ'.

ג) **גראף אונ יידין** ראמאן מחיי בני עמנו בארץ גאליציען ג"כ בשפה הנ"ל בשני חלקים, מקחו 60 קאפ'.

ד) **פאר'ן גלויבען אונ פאר'ן פאטערלאנד** ראמאן היסטארי מזמן חרבן בית שני בצבעים בהירים ומזהירים תבונות נפשות חיות נצבות לעינינו בתכונתן וצביונן איש איש לפי רוח עמו ודתו, חותם תבנית בית המקדש וכליו ועשרו, את כל אלה השכיל להעריך לפנינו בשפת שזארגאן סופר משכיל ואָמָן במלאכתו, ובני ובנות עמנו אשר דברי ימי עמנו זרו להם ימצאו ע"י הספור מושג נכון מחיי עמנו בעת ההיא וימצאו בו דברי חפץ ויקרב את לבבותיהם לחקור ולדעת את תולדות חיי ישראל ולא ישפיקו ברומאנען ילדי זרים, וכבר קנה לו הספור הזה שם תהלה במלוא רוחב ארצנו וגם בארץ החדשה מקום שם ישכנו בני ארצנו. ארבעה חלקים מקחו 1 רו"כ.

מכירה הראשית של כל הספרים האלה היא בביה"ד שה"ג ראזענקראנץ ושריפטזעטצער, וגם בכל בתי מסחר הספרים.

ספריית אגודת חסידי חב"ד
אהל יוסף יצחק
ליובאוויטש
ארה"ק

# מודעה!

בבית מסחר הספרים אשר לי פה **קאוונא**, זה שנים רבות נמצאים למכירה כל ספרי רוסיל, שו"ת, ספרי דרוש, והשכלה, וגם ספרי שוארגאן, מכל בתי הדפוס אשר בארצנו, וכן ספרי הו"ל אשר הורשו מטעם הצענזוריע להביאם לארצנו. כל הספרים הנ"ל, ישיג כל איש מאתי מכורכים או בלתי מכורכים כפי רצון הקונה, כן יש לי למכור ס"ת, טליתים, ציצית, תפלין, ומזוזות. תקותי חזקה כי הקונים מידי ישבעו רצון בכל ענפי המסחר.

בקרב יצאו לאור גם נאָטען להשיר „דיא יודישע טרער".

## יצחק הורוויץ.

האדרעססע אלי:

**Исааку Гурвичу.**

**Магазинъ еврейскихъ книгъ, въ г. Ковно.**

הס' **בית הספר לשכה ראשונה שני', ושלישית,** לה' **מ. ב. שנײדער.** נדפסו עתה מחדש ברוב תקונים והוספות ומנוקים מכל השבושים שהיו בהקודמים; ונמצא להמכר בבית הדפוס של ה' ראָזענקראנץ ושריפטזעטצער, וגם בכל בתי מסחר הספרים.